ספרי׳ – **אוצר החסידים** – ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

## אלול
**(מתוך חלק ב - הוספות, ע׳ 622)**

•

מאת כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת
**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושמונים ושתים לבריאה
השנה תהא שנת פלאות בכל

# אלול

**א.** אין לקוטי תורה[1]) איז ער מבאר דעם ענין פון חודש אלול, אַז הגם אין אלול זיינען מאיר די י״ג מדות הרחמים, פונדעסטוועגן זיינען די טעג פון אלול ימות החול, ניט ווי ראש השנה, יום כיפור, ווייל אלול איז כמשל המלך וואָס מ׳איז מקבל פניו בשדה.

אידער דער מלך קומט אַריין צו זיך אין שטאָט, בעיר מלכותו והיכלו, גייט ער פריער דורך אַ שדה, און בשעת ער געפינט זיך אין שדה גייען אַרויס אנשי העיר לקבל פני המלך, און דער מלך איז זיי מקבל בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם. און אַלע קענען צו אים צוקומען און דערלאַנגען זייער בקשה.

ווען דער מלך געפינט זיך בהיכל מלכותו קענען ניט אַלע צוקומען צו אים, מער ניט ווי יחידי סגולה. מען קען אויך ניט גלייך אַריינגיין צום מלך, נאָר מען דאַרף דורכגיין פאַרשידענע טירן און במילא אויך די שומרי הפתח. און ביי יעדן פתח איז מען בודק נאָך אַמאָל, צי ער איז ראוי אַריינגיין צום מלך. מה שאין כן בשעת דער מלך געפינט זיך אין שדה, קען יעדער איינער צוקומען צו אים און דערלאַנגען זיין בקשה.

ועל דרך זה איז אויך דער חודש אלול, דעמאָלט איז כמלך הנמצא בשדה. דערפאַר זיינען ימי חודש אלול — ימות החול, מען מעג טאָן אין זיי ל״ט מלאכות עובדין דחול. און יעדער איינער כמו שהוא מיט זיינע עובדין דחול, קען צוקומען צום מלך אָפּגעבן זיין בקשה.

דערפאַר זאָגט מען אין אלול, הוי׳ אורי וישעי, און מען בלאָזט שופר, אַ קול פשוט, וואָס דאָס פאַרבינדט פשיטות הנפש מיט פשיטות העצמות ב״ה, ביי יעדן אידן ווי ער שטייט אין זיינע עובדין דחול.

די זאַך וואָס פאָדערט זיך יאָ אין אלול איז, אַרויסגיין פון זיין אָרט לקבל פני המלך. אין עבודה מיינט עס, אַז יעדער איינער זאָל אַרויסגיין פון זיינע ענינים, פון זיינע רגילות׳ן, אויף לקבל פני המלך. וואָס דאָס איז די תנועה פון אַ הכנה כללית, אַ קבלת עול מלכות שמים בכללות.

און בשעת עס איז פאַראַן די תנועה כללית — דאָס אַליין איז מספיק מען זאָל קענען צוקומען צום מלך און אויסבעטן אַלע בקשות, עס זאָל זיין אַ שנה טובה ומתוקה.

עס איז פאַראַן דעם רבי׳נס, כ״ק מו״ח אדמו״ר, אַ בריוו וועגן חודש אלול, ברענגט ער דאָרט בשם פון אַלטן רבי׳ן אַ תורה פון בעש״ט.

— דער בריוו איז שוין געדרוקט *[1]), איך זאָג דאָ איבער נאָר די נקודת הענין —

כי לולא התמהמנו כי עתה שבנו זה פעמים. לולא איז אותיות אלול, שבנו זה פעמים, ב׳ אופני תשובה, תשובה כללית ותשובה פרטית.

זאָל דער אויבערשטער געבן, עס

---

1) ראה לב, א.

*1) בקובץ אמירת תהלים (נדפס בסוף התהלים „אוהל יוסף יצחק" עמוד 204), אג״ק שלו ח״ד יז, הלא

זאל זיין דער שבנו זה פעמים, די צוויי אופנים אין תשובה, און עס זאל זיין די הכנה כללית וקבלת עול כללי, וואס דאס איז די עבודה פון אלול, און דורך דעם זאל מען אויס־בעטן אלע בקשות, א שנה טובה ומתוקה אין אלע ענינים, בבני חיי ומזוני רוויחא.

(משיחת ש״פ ראה, תשט״ז)

ב. איך וויל זאגן א פאר ווער־טער, און בעט, אז יעדער איינער זאל דאס מפרסם זיין, ווי נאר ער קען.

נאך שבת זאל מען דאס מפרסם זיין אויך דורך ענינים וואס שבת קען מען זיי ניט טאן;

זאגן בשמי אדער ניט בשמי [2] ווי עס איז מער תועלת פארן פרסום און דער עיקר — פאר דעם אז די רייד זאלן אנגענומען ווערן;

ג. אויף אלול שטייט [3]) אז עס איז א ראשי תיבות פון די ווער־טער: אנה לידו ושמתי לך [3*]).

אין דער פרשה רעדט די תורה וועגן א מענטשן וואס האט דער־הרג׳ט א צווייטן ניט ווילנדיקער־הייט, און די תורה, תורת חיים, זאגט אז מ׳וועט באשטימען אן ארט, ערי מקלט, וואוהין ער זאל אנט־לויפן, און אזוי ארום וועט ער ניט מורא האבן, אז דער גואל הדם, דער וואס וועט וועלן נקמה נעמען פאר די פארגאסענע בלוט, זאל אים דער׳הרג׳נען — ווי עס ווערט דער־קלערט באריכות אין סדרה מסעי [3**]).

די ראשי תיבות זיינען ניט פון די פריערדיקע ווערטער אין פסוק וואו ער רעדט וועגן דעם וואס ער האט אפגעטאן, נאר די ראשי תי־בות אלול איז פון די ווערטער אין פסוק וועלכע ריידן וועגן זיין זכות (אנה לידו) און זיין תיקון דורך ערי מקלט (ושמתי לך).

ערי מקלט זיינען געווען אומעטום וואו עס זיינען געווען אידן, סיי ווען די אידן זיינען געווען אין מדבר [4]), סיי אין ארץ ישראל, סיי אין עבר הירדן, וואס דאס איז געווען חוץ לארץ ישראל [5]).

ד. דאס איז וואס ערי מקלט טו־ען אויף — מציל זיין דעם גוף פון דעם הורג נפש בשגגה.

וואס איז אבער מיט דעם תיקון הנשמה? ער האט דאך געטאן א געוואלדיק גרויסע עבירה. אמת טא־קע, ער האט עס געטאן בשוגג — אבער שוגגין קומט דאך אויך אן עונש, און זיי דארפן האבן כפרה [6]).

פארוואס טאקע קומט א שוגג אן עונש?

דער טעם אויף דעם: באמת ווי קומט א איד טאן אן עברה בשו־גג? ניט נאר די נשמה, נאר אפילו דער גוף פון א אידן דארף דאך

---

2) ראה פסחים קיב סע״א: אם בקשת כו׳. מגן אברהם או״ח סוף סימן קנו, ובספרים שהובאו בארחות חיים שם.

3) פרי עץ חיים שער ראש השנה פרק א. שער הפסוקים להאריז״ל שמות כא, יג.

3*) שמות כא, יג.

3**) במדבר לה, ט ואילך.

4) מכות יב, ב. הובא בפירש״י עה״ת.

5) ראה סהמ״צ להרמב״ם עשין קפו בסופה. ספרי למסעי לה, יג (הובא בנ״כ הרמב״ם הלכות רוצח פ״ח ה״א). ירושלמי מכות פ״ב ה״ו ותוספתא שם. ביאור הרי״פ פערלא לסהמ״צ לרס״ג פרשה נט בסופה. ואכ״מ.

6) רש״י ד״ה תולה (שבועות ב, א).

דערפון אַנטלויפן מצד זיין טבֿ־עיות. פונקט ווי עס איז ניט שייך צו זאָגן, אַז ער זאָל בשוגג שפּרינגען אין פייער[7]). — און דערפאַר איז דאָך טאַקע לא יאונה לצדיק כל און.

נאָר וואָס דען — ווייל דער נפש הבהמית שמנוגה איז ביי אים בהתגבּרות[8]), די בהמה וואָס אין אים איז בהתגברות אויף זיין אָדם, פאַרדעקט זי אויפן אָדם ונפש האלקית אויף זייער דערהער און געפיל, און שלעפּט דעם אידן אַריין צו טאָן אַ זאַך וואָס די בהמה ציט זיך דערצו.

און דערפאַר וואָס ער האָט צוגעלאָזן די התגברות דנפש הבהמית און על פּי רוב נאָך צוגעהאָלפן דערצו דורך הנהגות לא טובות[9]) — קומט אים אָן עונש און ער דאַרף האָבן אַ כּפּרה.

און אויך דאָס זיינען מתקן די ערי מקלט.

דער ענין פון ערי מקלט איז דאָך גלות[10]), וואָס גלות מכפרת.

ה. נאָך אַ זאַך איז דאָ ביי ערי מקלט, אַז אַפילו אַ הורג נפש במזיד העלפן זיי, כמאמר רז"ל[10*]) אחד שוגג ואחד מזיד מקדימין לערי מקלט. דאָרטן איז ער דערווייל זיכער פון דעם גואל הדם.

7) להעיר משו"ע חו"מ ר"ס שסג.

8) אגרת הקדש סוף סימן כח מלקוטי תורה להאריז"ל פ' ויקרא.

9) ראה תניא פרק יג: הרע הוא בתקפו ובגבורתו . . ואדרבה נתחזק יותר בהמשך הזמן שנשתמש בו הרבה באכילה ושתי' ושאר ענייני עולם הזה.

10) ראה תודי"ה מידי (מכות יא סע"ב). ספר החינוך מצוה תי.

10*) מכות ט, ב.

דערנאָך ערשט איז בית דין שולחין ומביאין אותו משם לבית דין, און מען משפּט אים. און אַז ושפטו העדה — איז דאַן והצילו העדה, וואָרום אויב מען פאַר'משפּט למיתה אַפילו איין מאָל אין זיבן יאָר — ווערט שוין די סנהדרין אָנגערופן חובלנית[11]).

און ביז דעם משפּט איז ער דאָך, בכל אופן, זיכער און קען אויך תשובה טאָן.

ו. אין דעם ענין — איז פאַראַן אַ מעלה אין זמן הגלות לגבי זמן הבית. בזמן הבית איז אויף עונש הורג נפש בשגגה או במזיד פלעגט ניט העלפן קיין תשובה. מען פלעגט אים סיי־ווי געבן דעם עונש.

עס איז פאַראַן אַ לאַנגע תשובה אין נודע ביהודה[12]) וואָס ער איז מבאר דאָרטן פאַרוואָס פלעגט ניט העלפן קיין תשובה אויף עונשי בית דין שלמטה. תשובה איז דאָך אַ דבר שבלב, און אַזוי ווי אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות, קען ניט תשובה שבלב מבטל זיין דעם פּסק הבית דין (פון מענטשן). במילא איז מען אים מעניש.

מה שאין כן פון נאָך דעם חורבן — און נאָך מיט פערציק יאָר פריער — וואָס עס איז בטלו דיני נפשות[13]) און עס איז געבליבן נאָר דין ד' מיתות וואָס מען איז מעניש מלמעלה, איז דאַן העלפט תשובה, וכמאמר רז"ל: אדם עבר עבירה ונת־

11) שם סוף פ"א.

12) נודע ביהודה אורח חיים מהדורא קמא סימן לה.

13) סנהדרין מא, א. ועיין תודי"ה מיום (כתובות ל, א).

חייב מיתה למקום מה יעשה ויחי' אם הי' רגיל לקרות דף אחד יקרא ב' דפים וכו' [14]).

ז. וככל הדברים האלו איז דער ענין פון חודש אלול:

אלול איז ראשי תיבות פון אנה לידו ושמתי לך, אלול איז אַן עיר מקלט אויף די מעשים פון אַ גאַנץ יאָר.

דאָס מיינט, אַז בחודש אלול דאַרף מען מאַכן אַ חשבון וואָס ער האָט געטאָן דעם גאַנצן יאָר, במעשים לא טובים, חס ושלום. וואָרום אויב, חס ושלום, חטא ופגם ועבר את הדרך, דרך הוי' — איז מיט יעדער עבירה איז ער אַ רוצח נפש, שופך דם האדם באדם [14*]), ער איז אַ שופך דם האדם, אדם דקדושה, ער נעמט אַרויס דעם דם וחיות פון זיין נפש האלקית, און גיט עס איבער באדם — אדם בליעל הוא היצר הרע [15]) — ער איז שופך דם האדם בשוגג או במזיד.

און חודש אלול איז ערי מקלט. אויב ער וועט גולה זיין לחודש אלול — זיך אָפּרייסן פון זיין יש ומציאות [16]), מארצך ממולדתך ומבית אביך — פון זיינע רצונות, רגילות'ן און פון די מסקנות פון זיין שכל טעם ודעת [17]) — און עס וועט זיין ונס [18]) שמה, שם תהא דירתו — ער איז מחליט ביי זיך צו „באַזעצן זיך דאָרט", איינאָרדענען זיין לעבן לויט דעם נייעם סדר פון חשבון הנפש ותשובה — איז גלות מכפרת.

און ניט נאָר די ענינים וואָס ער האָט געטאָן בשוגג, וועלן נתכפר ווערן, נאָר אויך די ענינים וואָס ער האָט געטאָן במזיד וועלן נתכפר ווערן, וואָרום איצטער העלפט דאָך תשובה אויף שופך דם האדם, וכנ"ל.

אויב אַפילו ער קען נאָך ניט צוקומען צו תשובה מאהבה, וואָס דעמאָלט זדונות נעשו לו כזכיות, אָבער, על כל פנים, — תשובה מיראה טוט ער, צי מיראת העונש, צי מיראת הדין, צי פון דער יראה פון ימים נוראים, פון אֲני לדודי ודודי לי — ראשי תיבות אלול [19]) — פון דעם וואָס תלת קשרין [20]) מתקשראין דא בדא ישראל באורייתא ואורייתא בקוב"ה, און ער איז, דורך דער עבירה, וואָס עוונותיכם מבדילים ביניכם ובין ה' אלקיכם, אָפּגעריסן פון עצמות ומהות אין סוף ב"ה — און אַז ער באַטראַכט זיך אין דעם, ווערט ביי אים תשובה מיראה, איז זדונות נעשו לו כשגגות, וגלות מכפרת.

ח. מען מיינט אָבער ניט דעם ענין פון סיגופים ותעניות, פונקט אַזוי ווי ביי ערי מקלט איז ניט די כוונה אַז ער דאַרף זיך מאַטערן,

---

14) ראה ויקרא רבה רפכ"ה והובא באגרת התשובה פרק ט (מתנדב"א) בביאור. עיין שם ועייג"כ תוד"ה דין (כתובות ל, ב).

14*) בראשית ט, י.

15) לקוטי תורה במדבר יג, ג.

16) ראה בס' חינוך שם: צער גלות ששקול כמעט כצער מיתה, שנפרד האדם מאוהביו ומארץ מולדתו ושוכן כל ימיו עם זרים.

17) ראה סוד"ה לך לך תרס"ו.

18) ראה תניא פרק לא: כי ברח כו' לעתיד כו' ובמנוסה לא תלכון. ועייג"כ וככה הגדול בתחלתו.

19) פע"ח שם. שער הפסוקים שה"ש ו, ג – ראה גם כן קונטרס ח"י אלול ה'תש"ג – לכ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע – עמוד מב ואילך (סה"ש תש"ג ע' 177 ואילך).

20) ראה זהר חלק ג עג, א.

דער ענין פון ערי מקלט איז גלות, וואָס דער עצם ענין פון גלות איז מכפר. אָבער מען גיט אים אין ערי מקלט די ענינים וואָס ער איז געווען צו זיי צוגעוואוינט בביתו. אין ערי מקלט איז געווען וחי — עביד ליה מידי דתיהווי ליה חיותא. דערפאַר איז דאָך אויך דער דין אַז תלמיד שגלה מגלין רבו עמו, הגם אַז דער תלמיד איז נאָר אַ טפל צום רב, פונדעסטוועגן איז מגלין רבו עמו[21]), און אַז רבו וועט זיין מיט אים, ניט קוקנדיק אויף ריחוק הערך וואָס איז צווישן זיי, וועט זיין עביד ליה חיותא, ער וועט אים מיטברענגען צו תשובה, צו ואתם הדבקים בהוי׳ אלקיכם חיים כולכם היום — היום אם בקולי תשמעו.

ט. אויך דאָס וואָס עס וועט זיין ונס שמה אין חודש אלול אַריין, אין אלול׳דיקן סדר, דאָס וועט אים ראַטעווען פון דעם גואל הדם, דעם שטן, הוא היצר הרע וואָס הוא המסית אויף זינדיקן, הוא המקטרג והוא המלאך המות[21*]), — דער גואל הדם וואָס וויל זיך אָפּרעכענען מיט דעם מענטשן.

דער שטן איז דער גואל הדם וואָס טענה׳ט: פלוני איז געווען אַ הורג נפש, ער האָט גע׳הרג׳ט זיין נפש האלקית, שופך דם האדם דקדושה אין אָדם דבליעל. איז די עצה אויף דעם והיו לכם הערים למקלט מגואל, ולא ימות הרוצח עד עמדו לפני העדה למשפט. און אויב אַפילו עס זיינען געווען ענינים וואָס ער האָט געטאָן במזיד — איז ביז דעם דין ומשפט פון ראש השנה קען מען פטור ווערן אויך דערפון דורך תשובה, וכנ״ל.

י. און דאָס איז דער ענין וואָס מען דאַרף מפרסם זיין:

דער אויבערשטער זאָגט צו אידן:

„איך גיב אייך ניין און צוואַנציק, דרייסיק טעג[22]), וואָס במשך פון די טעג אַז איר וועט זיך אָפּרייסן פון די ניט גוטע רגילות׳ן והנהגות פון ביז איצטער — ונס שמה, איר וועט אַנטלויפן אין דעם אלול׳דיקן סדר והנהגה אויף צו „באַוועצן" זיך דאָרט — איז דעמאָלט וועט איר קענען פאַרריכטן אַלץ וואָס עס איז געווען ביז איצט ניט ווי עס דאַרף צו זיין. און במילא וועט דאָס זיין למקלט מגואל הדם, פון אַלערליי קטרוגים.

און על ידי תשובה,

— פריער תשובה מיראה, וואָס נעשו לו כשגגות, און דערנאָך תשובה מאהבה וואָס נעשו לו כזכיות —

וועט איר פאַרשריבן ווערן און אויך גע׳חתמ׳ט ווערן — לאלתר בספרן של צדיקים לשנה טובה ומתוקה".

(משיחת ש״פ עקב, תשי״א)

יא. די סדרה, פרשת השבוע, וואָס מ׳לייענט, האָט אַ שייכות צו דעם זמן ווען מען לייענט איר[23]), ווי

---

21) מכות י, א.

21*) בבא בתרא טז, א.

22) ראה מג״א סי׳ תקפא סק״ב. — להעיר מר״ה (יט, ב) דעיבור רצו כט רצו למ״ד, וכן פסק הרמב״ם. ובשנת עיבור מוסיפים ולכפרת פשע (א״ר ופמ״ג לא״ח סי׳ תכג). ראה של״ה חלק תושב״כ פ׳ שמות.

23) זע אויך של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב, וז״ל: המועדים של כל השנה . . בכולן יש שייכות לאותן הפרשיות שחלות בהן כי הכל מיד ה׳ השכיל.

מרכז לתורת הבעל שם טוב

היכל מנחם

מאנסי